**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באנייאונג צערעמאניע פון 20 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט פראיעקט פאר אויסגעמישטע צוועקן אין ניאגרא פאָלס שטאט-צענטער**

***Cambria Hotel Niagara Falls וואס האט 120 צימערן געפונט זיך צוויי בלאקס אוועק פון וועלטס-בארימטע ניאגרא פאָלס סטעיט פארק***

***זעהט בילדער פון Cambria Hotel Niagara Falls [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באנייאונג צערעמאניע פאר די Cambria Hotel Niagara Falls, טייל פון א מער פון 20 מיליאן דאלארדיגער דעוועלאפמענט פראיעקט פאר אויסגעמישטע צוועקן. די זיבן-שטאקיגע, 120-צימערדיגע לוקסוריעזע האטעל ברענד, וואס געפונט זיך אויף Rainbow Boulevard, רעכנט אויך אריין דריי נייע וואוינונג געסטהייזער אויף Buffalo Avenue. די האטעל'ס עפענונג קומט אין צייט פאר א באגייסטערנדע זומער סעזאן וואס איז פלאנירט ביי די ניו יארק סטעיט פארקס, אויף Old Falls Street און אריבער דעם ראיאן נאכפאלגנדיג די פולשטענדיגע ליקוי חמה אום אפריל 8, 2024. די Cambria Hotel Niagara Falls איז דעוועלאפט געווארן דורך Plati Niagara Inc., וואס זענען אויך די אייגנטימער פון די Wingate by Wyndham אין ניאגרא פאָלס. זעהט בילדער פון די Cambria Hotel Niagara Falls [דא](#).

"די ניאגרא פאָלס ציהען צו מיליאנען פון אריבער די וועלט, מאכנדיג עס פאר ניו יארק'ס מערסט באזוכטע טוריזם דעסטינאציעס, און די היסטארישע שטאט טוט זיך גרייטן פאר א באגייסטערנדע זומער סעזאן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די נייע Cambria Hotel Niagara Falls יעצט אפן, נעמט די ערשט-קלאסיגע דעסטינאציע נאך א טריט אין ריכטונג פון בארייכערן די ערפארונג פון באזיכער און ערלויבן דעם ראיאן צו בעסער ארויסווייזן איר נאטורליכע שיינקייט און אלעס וואס עס האט צו אפפערן."

שטייענדיג אויף 311 Rainbow Boulevard אין שטאט-צענטער פון ניאגרא פאָלס, איז געפונט זיך די האטעל בלויז צוויי בלאקס אוועק פון די וועלטס-בארימטע ניאגרא פאָלס סטעיט פארק, וואס נעמט אריין ניין מיליאן באזיכער יערליך. געסט קענען אויסנוצן די געלעגנהייט צו גיין צו פאפולערע אטראקציעס וועלכע ערלויבן באזיכער צו קומען נאענטער צו די וואסער פאלן, צי דורכן אראפגיין צו די Niagara Gorge ביי די Cave of the Winds אדער דורכן באזוכן די דערנעבנדע Robert Moses Niagara Power Plant צו זעהן וויאזוי די וואסער פאלן דינען אלס א מקור פון היידראָו-עלעקטרישע טרייב-קראפט. זיי קענען אויך שפאצירן לענגאויס אָלד פאָלס סטריט און דריטע סטריט צו באזוכן געשעפטן און רעסטוראנטן. ניו יארק סטעיט איז פארפליכטעט צו היטן אויף ניאגרא פאָלס אלס א ערשט-קלאסיגע טוריזם צענטער און טויער אריין צו ניו יארק סטעיט. מיט די קאנסטרוקציע פון די בעסטע אקאמאדאציע איינריכטונגען, מאכן דאס די סטעיט'ס באמיאונגען גרינגער פאר דעם ראיאן צו ארויסווייזן איר שיינקייט פאר באזיכער פון אלע עקן פון די וועלט. די סך הכל צאל פון נעכט וואס געסט האבן פארברענגט אין

האטעלן אין די שטאט-צענטער פון ניאגרא פאָלס איז ארויף מיט 14 פראצענט פון 2021 צו 2023, און די ראטעס פון פארנומענע צימערן איז געוואקסן מיט 8 פראצענט אין דעם זעלבן צייט אפשניט.

**פרענק סטרענדזשיאָ, פון די אייגנטימער פון .Plati Niagara Inc, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר צו עפענען די טויערן פון Cambria Niagara Falls און אויפנעמען געסט צו באקומען די איבערלעבעניש פון אונזער געמיש פון לאקאלע חן און לוקסוריעזע איינריכטונגען. אלס א פאמיליע מיט טיפע ווארצלען אין די קאמיוניטי, זענען מיר געוואלדיג שטאלץ צו שאפן אומפארגעסליכע ערפארונגען פאר יעדע פון אונזערע געסט. די נייע אונטערנעמונג שפיגלט אפ אונזער באשיידענע ביישטייערונג צו די לעבהאפטיגע ניאגרא פאָלס קאמיוניטי, און מיר קענען נישטווארטן עס צו מיטטיילן מיט אייך."

די Cambria Hotel Niagara Falls איז אויסגעשטאט מיט לוקסוריעזע איינריכטונגען וועלכע ציהען צו היינטיגע רייזנדע, אריינרעכנענדיג:

- אינעווייניגע און דרויסנדיגע פלעצער פאר פראדוקטיווע ארבעט אדער צו רוהען.
- לאקאל-אינספירירטע דעזיין און באצירונג, אפשפיגלנדיג די אייגנארטיגע כאראקטער פון די אומגעגנט.
- מאדערנע און סאפיסטיקירטע גאסט צימערן, אויסגעריכטעט מיט מעבל מיט דעזיין עלעמענטן, א שפע פון באלייכטונג און באקוועמע בעטן.
- איינוויקלנדע בית הכסא'ס וואס פילן ווי א שוויץ מיט 'בלוּטוט' שפיגלער.
- באר און רעסטוראנט וואס שטעלן ארויס פריש צוגעגרייטע עסנווארג, ארטיגע האנט-געמאכטע ביר פון קראנען, וויין און ספעציאליזירטע 'קאַקטעילס', און אזוי אויך אפציעס פאר טעיק אַוט.
- פלעצער פאר זיצונגען און פארזאמלונגען מיט מערערע פונקציעס.
- פארגעשריטענע דזשים.

דער פראיעקט לייגט אויך צו דריי געסט הייזער וואס ערגענצן די היסטארישע כאראקטער פון Buffalo Avenue'ס העריטעדזש דיסטריקט. די USA ניאגרא דעוועלאפמענט קארפארעישען ( USA Niagara Development Corporation, USAN), א קערפערשאפט אונטערגעווארפן אונטער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD), ערמעגליכט פראיעקטן וועלכע היטן אויף-און/אדער וועלכע פארמישן עמפינדליכע דעוועלאפמענט אין שטחים צווישן געביידעס לענגאויס Buffalo Avenue, וועלכע געפונען זיך אויף די איבערשטע ניאגרא ריווער, נעבן די 'ריווערוועי' טייל פון די סטעיט פארק. די געסט הייזער שטעלן צוריק אוועק א בלאק פון וואוינונגען אויף Buffalo Avenue צווישן Third Street און Fourth Street, וואו עס איז פארדעם איבערגעבליבן נאר איין איינצלנע וואוינונגען סטרוקטור. די יוּניטס געפונען זיך אויך אריבער 305 Buffalo Avenue, אן שטח וואס ניו יארק סטעיט האט אפגעקויפט אלס טייל פון איר סטראטעגישע לאנד אפקויפונג פראגראם ( Strategic Land Acquisition Program) און אויף וועלכע א נייע טרעיל/שטיגן פארבינדונג צו די 'ריווערוועי' איז געעפנט געווארן אין פרילינג פון 2021.

USAN האט צוגעזאגט 1.7 מיליאן דאלאר פאר דעם פראיעקט, ווארטנדיג אויף באשטעטיגונג פון די USAN באורד אָוו דירעקטארס נאך די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די נייע Cambria Hotel Niagara Falls, דעוועלאפט דורך די סטרענדזשיאָ פאמיליע, וועט אויפנעמען באזיכער פון ארום די וועלט צו אן אייקאנישע נאטורליכע וואונדער, און אין דער זעלבע צייט וועט עס אריינבלאזן א פרישע חיות אין א קריטישע שטרעקע פון די היסטארישע Buffalo Avenue וואוינונגען דיסטריקט. פראיעקטן פון די סארט העלפן ערפילן די נויט פאר נאך פלאץ צו איינשטיין פון א הויכע

קוואליטעט אין די שטאַט-צענטער, צו שאַפן נייע דזשאָבס און דאָס צו גרינגער מאַכן פאַר דעם ראַיאָן צו אַרויסווייזן איר שיינקייט פאַר באַזיכער פון איבער די גאַנצע וועלט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאַפּמענט וויצע פּרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאָר פון טוריזם, ראָס ד. לעווי, האָט געזאָגט,** "די נייע Cambria Hotel וועט פאַרזעצן צו אויסברייטערן די ציהאונג פון די ניאַגראַ פאָלס אַלס אַ וואַקאַציע דעסטינאַציע און גיבן פאַר באַזיכער אַ באַרייכערטע איבערנעכטיגע ערפאַרונג. צוזאַמגעפּאַרט מיט לאָקאַלע אַטראַקציעס פון די ניאַגראַ פאָלס סטעיט פּאַרק מיט איר באַרימטע Maid of the Mist שיפל רייזע און די Cave of the Winds ערפאַרונג, ביז היסטאָרישע ערטער ווי די Underground Railroad Heritage Center און פאַמיליע ערפאַרונגען ווי די Aquarium of Niagara — איז די האָטעל די לעצטע ביישפּיל פון ווי גרינג עס איז צו ליב האָבן ניאַגראַ פאָלס און דעם ברייטערן ניאַגראַ ראַיאָן."

**סיטי מעיאָר ראָבערט רעסטאַינאָ האָט געזאָגט,** "די פאַרגרעסערטע אינוועסטירונג אין אונזער שטאַט-צענטער דורך די סטעיט און לאָקאַלע שותּפים ווי די סטרענדזשיאָ פאַמיליע זענען אַ דערפרייענדע סימן פון צוטרוי אין די ניאַגראַ פאָלס קאָמיוניטי. מיט די עפענונג פון Cambria Hotel Niagara Falls האָט די שטאָט יעצט נאָך אַ לוקסוריעזע האָטעל ברענד צו אָפּפערן פאַר באַזיכער וואָס מאַכן פּלענער צו פאָרן צו ניאַגראַ פאָלס און דעם אַרומיגן ראַיאָן. מיר זענען דאַנקבאַר פאַר די שטיצע פון גאווערנער האָקול פאַר דעם פּראָיעקט."

**סטעיט סענאַטאָר ראַב אָרט האָט געזאָגט,** "די Cambria Hotel וועט אָפּפערן די בעסטע סאָרט אַקאָמאָדירונגען אין די האַרץ פון ניאַגראַ פאָלס, צוציהענדיג מער באַזיכער צו אונזער געגנט און באַרייכערנדיג זייער צייט דאָ בשעת זיי געניסן פון די מראות און קולות פון ניאַגראַ פאָלס, אונזערע לאָקאַלע געשעפטן, רעסטאָראַנטן און אַזוי אויך פילע אַנדערע ביזנעסער. די אייגנאַרטיגע זאַכן וואָס די האָטעל אָפּפערט, צוזאַמען מיט די לאָקאַלע אייגנטומערשאַפט, וועלן זיין אַ געוואַלדיגע צוגאָב צו אונזער ניאַגראַ פאָלס קאָמיוניטי."

**אַסעמבלי מיטגלידערין ענדזשעלאָ מאָרינעלאָ האָט געזאָגט,** "עס איז באַגייסטערנד צו צוזעהן די עפענונג פון נאָך אַ האָטעל אין די שטאַט-צענטער פון ניאַגראַ פאָלס. די פאַרגרעסערטע פּאַרנעם און פאַרבעסערטע קוואַליטעט פון גאַסטגעבונג-פאַרבינדענע סערוויסעס וועט האָבן אַן אָנגייענדע פּאָזיטיווע השפעה אויף די טוריזם אינדוסטריע. אַ דאַנק פאַר גאווערנער האָקול, די ESD און די סטרענדזשיאָ פאַמיליע פאַר זייער וויליגקייט צו פאַרזעצן צו אינוועסטירן אין אונזער הערליכע שטאָט."

גאווערנער האָקול האָט אָנגעהאַלטן אַ שטאַרקע פאַרשפּרעכונג צו שטיצן ניו יאָרק'ס טוריזם אינדוסטריע - איינס פון די סטעיטס שליסל עקאָנאָמישע טרייבערס. ניו יאָרק סטעיט האָט אַריינגענומען אַ רעקאָרד-הויכע צאָל פון 291.5 מיליאָן באַזיכער אין 2022, די גרעסטע צאָל באַזיכער אין ניו יאָרק סטעיט'ס היסטאָריע, אויפטרייבנדיג מער פון 78.6 ביליאָן דאָלאַר אין דירעקט אויסגעגעבענע געלטער און 123 ביליאָן דאָלאַר אין סך הכל השפעה אויף די עקאָנאָמיע נאָכפאָלגנדיג היסטאָרישע אינוועסטירונגען אין טוריזם, עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, דרויסנדיגע פאַרוויילונג, טראַנספּאָרטאַציע און אַנדערע וויכטיגע סעקטאָרן. די גאווערנער האָט אַנאָנסירט נייע 'I LOVE NY' (איך האָב ליב ניו יאָרק) מאַרקעטינג באַמיאונגען צו מוטיגן מענטשן צו רייזן איבער ניו יאָרק סטעיט, אַריינרעכענענדיג ספּעציאַליזירטע קאַמפּיינען וואָס הייבן אַרויס די סטעיט'ס רייכע היסטאָריע און העריטעדזש אַרום טונקל-הויטיגע קולטור, בעיסבאָל און היפּ-האַפּ מוזיק. אין 2023 האָט ניו יאָרק סטעיט פאַרטיילט איבער 30 מיליאָן דאָלאַר אין פינאַנצירונג פאַר טוריזם שותּפים איבער די סטעיט פאַר טוריזם מאַרקעטינג און אינפראַסטרוקטורישע פּראָיעקטן. די גאווערנער איז אַרויסגעקומען מיט די "ברענג צוריק טוריזם, ברענג צוריק דזשאָבס" (Bring Back Tourism, Bring Back Jobs) ערהוילונג פּעקעדזש צו שטיצן רייזע אינדוסטריע

ארבייטער, קליינע ביזנעס שטיצע פראגראמען און אינציאטיוון וואס ברענגען נייע און אייגנארטיגע געשעענישן קיין ניו יארק סטעיט.

זינט 2011 האט ניו יארק סטעיט צוגעטיילט און אינוועסטירט מער פון 385 מיליאן דאלאר אין די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס אין א קאנצענטרירטע אונטערנעמונג צו פארווירקליכן און אויסברייטערן די עקאנאמישע בענעפיטן פון יערליכע באזוכונג. אינוועסטירונגען האבן אריינגערעכנט: פארבעסערונגען צו ניאגרא פאָלס סטעיט פארק; אויפלעבונג אונטערנעמונגען, אריינרעכנענדיג זעקס נייע האטעלן און די אויפריכטונג פון Old Falls Street און פארבעסערונגען צו די אויסקוק פון געסער אין די שטאט-צענטער; און אויבנדערמאנטע שטחים אפקויפונג פראגראם צו ערמעגליכן צוקונפטיגע דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע צוועקן. אין צוגאב, האט דער סטעיט פארענדיגט די טראנספארמירנדע אוועקפירן פון דריי מייל פון דער געוועזענער ראבערט מאזעס פארקוועי, שאפנדיג א 140-עיקערדיגע אומגעשטערטע, פולקאם צוטריטליכע פאס פון גרין-פלאץ אויף די אויבערשטע טייל ניאגארא טייך און ניאגארא גארדזש. North Main Street איז אויך אויסגערופן געווארן אלס געוואונער פון די ניו יארק סטעיט שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative), און עס נוצט אויס דאס אוועקנעמונג פון די פארקוועי און אינוועסטירונגען אין די Underground Railroad Heritage Center און אין די ניאגרא פאָלס באן סטאנציע צו פונדאסניי שאפן א שטארקע ביזנעס דיסטריקט וואס איז צוריק פארבינדן צו די Niagara Gorge.

**איבער Plati Niagara Inc.**
Plati Niagara Inc. איז א דעוועלאפמענט פירמע אין אייגנום פון די סטרענדזשיאָו פאמיליע, אריינרעכנענדיג לאנגיאריגע האטעל אויפהאלטער ענטאָוניאָו, פרענק און ענטאני סטרענדזשיאָו. די סטראנדזשיא פאמיליע האט א שטארקע רעקארד אין דער ניאגארא פאָלס האספיטעליטעט מארקעט, און אפערירט איצט דער ווינגעיט דורך ׳ווינגעיט ביי ווינדהעם׳ און ׳קוואליטי אין׳ אין דער שטאט. מיט באלד 30 יאר פון ערפארונג אין די גאסטגעבונג אינדוסטריע, איז די סטרענדזשיאָו פאמיליע שטארק פארמישט אין די לאקאלע קאמיוניטי, און זיי זענען שטאלץ מיט ניאגרא פאָלס, זייער היים שטאט, און זיי זענען שטאלץ צו זיין א טייל פון די שטאט'ס ווידער אויפשטייג.

**איבער USA ניאגרא דעוועלאפמענט קארפארעישן**
USAN, א קערפערשאפט וואס איז אונטערגעווארפן אונטער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, איז אויסשליסליך געווידמעט צו שטיצן און פאראויס שטופן עקאנאמישע אנטוויקלונג אינציאטיוון אין ניאגרא פאָלס דורכן איינשפאנען פריוואטע אינוועסטירונג און מוטיגן וואוקס און באנייאונג פון די טוריזם אינדוסטריע די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען דא.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן